# פּאַריז – בערלין,

## אַ בינדשטריך צווישן די ייִדיש־תּפֿוצות

צווישן ביידע וועלט־מלחמות זענען פּאַריז און בערלין געוואָרן אמתע לאַבאָראַטאָריעס פֿון דער מאָדערנער ייִדישער קולטור. דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק אָרגאַניזירט די אויסשטעלונג „פּאַריז – בערלין, אַ בינדשטריך צווישן די ייִדיש־תּפֿוצות" ווי אַ טייל פֿון אַ רײַכער קולטור־פּראָגראַם וואָס נעמט אַרום רעפֿעראַטן, ליטעראַרישע באַגעגענישן און אַנדערע אונטערנעמונגען. זי שטעלט פֿאָר די דאָזיקע פֿאַסצינירנדיקע תּקופֿה דורך די יקר־המציאותן פֿון די זאַמלונגען פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק.




די אויסשטעלונג באַלײַכט דעם אויפֿבלי פֿון ייִדישיזם, אַ באַוועגונג וואָס שטרעבט צו שטעלן די ייִדישע שפּראַך און קולטור אויבן אָן, ווי דער יסוד פֿון דער ייִדישער אידענטיטעט. זי פֿאַרבעט אונדז אויף ליטעראַרישע רײַזעס מיט ייִדיש־שרײַבערס וואָס האָבן באַוויזן אויפֿצוכאַפּן די אַמביוואַלענץ און די קאָמפּליצירטקייט פֿון די צוויי הויפּטשטעט אין זייער ווערק אין פּראָזע און פּאָעזיע.



מיר האָבן אונטערגעשטראָכן די ראָלע פֿונעם ייִדישן אַוואַנגאַרד, ווײַזנדיק ווי די דאָזיקע באַוועגונג האָט געפֿונען אַ פֿרוכפּערדיקן באָדן אינעם קאָסמאָפּאָליטיזם פֿון פּאַריז און בערלין, וואָס פּערזענלעכקייטן ווי מאַרק שאַגאַל, פּרץ מאַרקיש צי עוזר וואַרשאַווסקי האָבן באַרײַכערט זייער קולטורעלע לאַנדשאַפֿט.



די תּקופֿה איז געשטאַנען אונטערן צייכן פֿון היפּער־אינפֿלאַציע, פֿון פּאָליטישע אומרוען און טראַוומעס פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויף די ייִדישע אינטעלעקטואַלן און קינסטלער וואָס האָבן אַריבערגעוואַנדערט פֿון מיזרח קיין מערבֿ האָבן דערצו געלייגט אַ בלוטיקן חותם די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע — שחיטות וואָס זענען איבערגעשטיגן אַלע פֿריִערדיקע און וואָס האָבן אַרויסגערופֿן שלום שוואַרצבאַרדס נקמה־אַקט. די געניטיקייט זיך אָפּצורופֿן אויף די דאָזיקע געשעענישן — ווער דורך צונויפֿזאַמלען דאָקומענטאַציע, ווער מיט אַ ליטעראַרישן טעקסט — האָט געשטאַלטיקט די קאָמפּליצירטע ייִדישע קולטור־בינע צווישן ביידע שטעט.

די אויסשטעלונג פֿאַרבעט אונדז אויסצופֿאָרשן מיט זייערע שאַטירונגען די ייִדישע תּפֿוצות דורך דער פּריזמע פֿון די צוויי עמבלעמאַטישע שטעט. זי גיט אַן אָנרעג אָפּצושאַצן דעם קיום פֿון ייִדיש אין ביידע מעטראָפּאָליעס, ווו, ניט געקוקט אויף די נאַצישע חורבנות בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, שטרעבט די ייִדישע קולטור נאָך אַלץ אָנצוקניפּן זיך מיט איר עבֿר.